בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וארא תשע"ז** | **שבת ראש חודש שבט** | **גליון 394 [שנה ט']**

**פארוואס שטייט וגם און אויך ואזכור את בריתי?**

וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת־נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי: (שמות ו ד) עס איז שווער וואס מיינט וְגַם, עס האט געקענט נאר שטיין וְאֲנִי שָׁמַעְתִּי? אויך איז שווער פארוואס שטייט וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל־מֹשֶׁה א לשון דיבור קשה, שטרענגע רייד? אויך איז שווער וואס האט וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי צו טאן מיט הערן די געשריי פון כלל ישראל? נאר די חיד"א אין זיין ספר חומת אנ"ך אויפן פסוק בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ (אסתר ו א) ברענגט פון דעם יערות דבש (חלק ב' דף נ"ו) -הגאון ר' יהונתן אייבשיץ זצוק"ל- וואס פרעגט פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן א נס ביי מרדכי מיט נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ, ער וואלט געקענט אנעמען די תפילות פון מרדכי און מאכן א גרינגערן נס און די אידן וואלטן אויך געהאט זייער ישועה? און ער ענטפערט, וויבאלד מרדכי איז געווען אריין גערעכנט אין די גזירה, וואלטן זיינע תפילות נישט אנגענומען געווארן, ווייל אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִין, דעריבער האט דער אויבערשטער פריערט געמאכט דעם נס פון בַּלַּיְלָה הַהוּא, כדי מרדכי זאל באפרייט ווערן פון די גזירה, ממילא וועט דער אויבערשטער צו הערן צו זיינע תפילות עכ"ד. דאס זעלבע איז דא, באמת וואלטן די תפילות פון כלל ישראל נישט געדארפט אנגענומען ווערן, ווייל אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִין, נאר וועגן וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי, די זכות הַמִּילָה האב איך יא געהערט צו זייערע תפילות, דאס מיינט וְגַם, לרבות, אז די מאל האב איך אויך צו געהערט, דעריבער שטייט וַיְדַבֵּר -א דיבור קשה- ווייל באמת וואלטן די בני לוי, וואס זיי זענען נישט געווען אין גזירת שיעבוד, וואלטן געדארפט מתפלל זיין פאר כלל ישראל, און איך וואלט זיך צו געהערט, אבער ווייל די בני לוי האבן נישט מתפלל געווען, דעריבער וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי, וועגן דעם אֲנִי שָׁמַעְתִּי, איך האב זיך צוגעהערט די געשריי פון די אידן. (תנופה חיים – ר' חיים פאלאז"י)

**פשט אין די ק"ו**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה לִפְנֵי ה' לֵאמֹר הֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֹא־שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם: (שמות ו יב) זאגט רש"י דאס איז איינע פון די צען ק"ו אין די תורה, מַה דָּךְ די אידן האבן זיך נישט צוגעהערט צו מיר, אוודאי וועט פרעה זיך נישט צוהערן צו מיר! פרעגט די שפתי חכמים אז מען קען אפרעגן די ק"ו ווייל די סיבה וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל־מֹשֶׁה, די אידן האבן זיך נישט צו געהערט צו משה, מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, אבער פרעה וועט זיך אפשר יא צו הערן! נאר מיין רבי הגאון ר' יואל פעלנער אב"ד בעלעד זצ"ל האט געענטפערט דער דרך העולם איז אויב מען וויל זיך טרעפן מיט א קעניג דארף מען זיין א גאר חשוב'ער מענטש אדער א שליח פון א ציבור, ווייל ווען טויזנט פשוט'ע מענטשן וועלן שיקן איין מענטש צו באזוכן דעם קעניג וועט דער קעניג אים מוזן טרעפן, ווייל דאס איז א כבוד פארן קעניג ווייל ער איז א שליח פון ציבור, דאס זעלבע איז געווען ביי משה וואס זאגט פארן אויבערשטן, הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־שָׁמְעוּ אֵלַי, זיי האבן זיך נישט צוגעהערט צו מיר, און זיי האבן מיר נישט געמאכט זייער שליח צו גיין צום קעניג, וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה, פארוואס זאל פרעה זיך צו הערן צו א פשוטער מענטש וואס איז נישט א שליח פון ציבור! איז דער ק"ו א גוטער. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**מלמד ששקולים היו!**

הוּא אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה אֲשֶׁר אָמַר ה' לָהֶם הוֹצִיאוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.. הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם לְהוֹצִיא אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן: וַיְהִי בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶל־מֹשֶׁה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם: (ו כו–כח) זאגט רש"י איינמאל שטייט הוּא אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה, און איינמאל שטייט הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן מלמד ששקולים היו, ביידע זענען די זעלבע גלייך. פרעגט דער של"ה הק' אז די תורה הק' זאגט (דברים לד י) וְלֹא־קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה? און ער ענטפערט אז יענער פסוק רעדט נאכדעם וואס משה האט געגעבן די תורה אבער יעצט זענען זיי געווען גלייך. איז שווער אויב זיי זענען געווען גלייך פארוואס האט דער אויבערשטער געשיקט משה אנשטאט אהרן וואס איז געווען עלטער ווי משה, איז דאך א ראיה אז משה איז געווען גרעסער פון אהרן פאר מתן תורה? נאר מען דארף זאגן אז באמת איז משה געווען גרעסער פון אהרן, נאר יעצט ביי די שליחות צו פרעה וואס די תורה איז מעיד הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי־דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא וְגַם הִנֵּה־הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ "וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ": וְהָיָה הוּא יִהְיֶה־לְּךָ לְפֶה (שמות ד יד–טז) שטייט אז אהרן וועט זיך פרייען און נישט מקנא זיין, און אויך וועט ער רעדן פאר פרעה און זיך נישט שעמען, און אלעס טאן פארן כבוד פון אויבערשטן, דעמאלטס איז אהרן געווארן העכער און געווארן שקול צו משה, דאס מיינט די פסוק: הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם, ווייל ביי דעם דיבור צו פרעה זענען זיי געווען שקולים, ממילא איז גוט דער פסוק וואס שטייט גלייך נאכדעם וַיְהִי בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶל־מֹשֶׁה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם, וואס רש"י פרעגט ווי קומט דא אריין דעם פסוק? נאר וַיְהִי, דאס וואס זיי זענען געווען שקולים, איז נאר געווען בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶל־מֹשֶׁה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם, אבער ווען דער אויבערשטער האט געשיקט משה איז ער געווען גרעסער פון אהרן. (כתב סופר)

**פארוואס לשון ויצעק און וואס מיינט על דבר?**

וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' עַל־דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים אֲשֶׁר־שָׂם לְפַרְעֹה: (ח ח) דארף מען פארשטיין פארוואס דא שטייט וַיִּצְעַק און ביי עָרֹד און אַרְבֶּה שטייט וַיֶּעְתַּר אֶל־ה', און ביי בָּרָד שטייט אֶפְרֹשׂ אֶת־כַּפַּי? אויך איז שווער די לשון עַל "דְּבַר" הַצְפַרְדְּעִים, וואס א רעדן איז געווען דא? נאר עס שטייט אין מדרש אז די צפרדע זאגט די מערגסטע שירה פארן אויבערשטן, און בפרט ווען זיי האבן יעצט געטאן די שליחות פון אויבערשטן און זיך אריינגעלאזט אין פייער וואס פון דעם איז די ק"ו חנניה מישאל און עזריה (פסחים דף נג:) ממילא איז געווען שווער פאר משה מתפלל צו זיין עס זאל אוועקגיין דער קידוש שם שמים ברבים! אבער פרעה זאגט דאך העתירו אל ה' און משה מוז בעטן, האט ער אויסגעקליבן די תפילה פון צעקה – כידוע אז עס זענען דא צען לשונות פון תפילה שוועה. צעקה. נאקה. רנה. פגיעה. ביצור. קריאה. ניפול. ופילול. ותחנונים. וואס איז א תפילה בְּלֵב נִשְׁבָּר, און א שטילע תפילה, אלעס וועגן די קידוש ה' זאל ווייטער אנגיין, אבער ווייל די צפרדעים האבן אנגעהויבן זאגן שירה אין א מקום מאוס אין די גוף פון פרעה, וועגן דעם האט משה מתפלל געווען, אבער אלעס א שטילע תפילה. דאס מיינט על "דְּבַר" די דברי שירה, אֲשֶׁר־שָׂם לְפַרְעֹה, וואס זענען געזאגט געווארן אין די גוף פון פרעה. (צמח דוד דינוב)

# מדור העובדות
## ווען א איד פון דייטשלאנד איז געקומען צו דער הייליגער מהרי"ד פון בעלזא זיע"א

ביי די ערשטע וועלט'ס מלחמה האט הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע זיך געצויגן קיין מונקאטש ווייל דארטן איז געווען שטיל פון מלחמה. און ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט איז ער צוריק קיין בעלזא אבער זיין הויז איז געווען אינגאנצן חרוב האט ער זיך געצויגן צו א דערפל האלשיץ [Oleszyce] וואס איז צווישן גדאנסק און ביאליסטוק אין פולין. דארטן האבן געוואוינט אפאר בעלזא חסידים און ווען דער רב איז דארטן געגאנגען איז דער דערפל געווארן באזעצט מיט פיל בעלזא חסידים ביז די צווייטע וועלט'ס מלחמה. דער הייליגע בני יששכר הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא פון דינוב זצוק"ל איז אויך געווען רב אין האלשיץ, ווען דער בעלזא רב איז געקומען קיין האלשיץ איז געווען דער רב דארטן הגאון ר' אריה באמבאך זצ"ל, און דיין איז געווען הגאון ר' שלמה ב"ר יעקב-שרנצל באב"ד הי"ד ממשפחת המנחת חינוך.

אין יאר תרפ"ב איז א בחור פון דייטשלאנד געווען אין האלשיץ און געדאווענט אין בעלזא שטיבל און ווייל ער איז געווען א ירא שמים האבן צוויי יושבים אים מקרב געווען און געבעטן ער זאל בלייבן לערנען מיט זיי און ער איז געווארן א שטארקער חסיד פון בעלזא. א צייט שפעטער איז דער בחור געווארן קראנק און די צוויי יושבים האבן געדאגה'ט פאר אים מיט דאקטוירים און מעדיצין ביז ער איז פולקאם געזונט געווארן. ווען ער איז געקומען צו די כוחות האט ער געשריבן א בריוו צו זיין טאטע אין דייטשלאנד און ער איז שנעל געקומען באזוכן זיין זון. ווען זיין זון האט געזאגט וועגן די צוויי יושבים וואס האבן אזוי געטריי געטאן פאר אים, איז דער טאטע געגאנגען צו זיי און געזאגט ער וויל זיי באצאלן פאר דעם וואס זיי האבן געטאן פאר זיין זון. האבן זיי געענטפערט אז זיי זענען ב"ה נגידים און עס פעלט זיי נישט קיין געלט, און בפרט זיי ווילן נישט פארקויפן די מצוה פון חסד. האט דער טאטע נתפעל געווארן פון זיי און האט געזאגט אויב געלט קען איך אייך נישט געבן וועל איך אייך מהנה זיין און דערציילן א מעשה וואס איך אליין האב געהערט פון די בעל העובדא וואס ער האט געהאט מיט אייער רבי:

איינמאל איז מיין חבר פון דייטשלאנד דורך געפארן די שטאט לעמבערג און ער איז אריין אין א אידישן שענק זיך אפרוהען און עפעס טועם זיין, און לעבן זיין טיש זענען געזעצן צוויי יונגעלייט וואס האבן געהאט א וויכוח און א סיכסוך וועגן עפעס א געשעפט, דער טענה'ט אזוי און דער טענה'ט אזוי און קענען נישט אנקומען צו א שלום און א שלום, צום סוף הערט ער אז מיר וועלן פארן קיין בעלזא און פרעגן דעם רב און וואס ער וועט זאגן וועלן זיי פאלגן.

מיין חבר איז געווען זייער נייגעריג און גייט צו זיי און פרעגט זיי: אינטרעסאנט איך האב געהערט אייער וויכוח און איך בין א עורך דין און איך קען נישט קיין גרויסע עורך דין אין בעלזא, אויב אזוי צו וועמען וועט איר גיין פארשטעלן אייער טענות? האבן זיי געענטפערט אז זיי גייען נישט צו א עורך דין, נאר זיי האבן א רבין אין בעלזא און זיי זענען זיינע חסידים און ער איז א גרויסע חכם און א צדיק און ער וועט מאכן א פשרה און וואס ער וועט זאגן וועלן מיר פאלגן. נו! א איד פון דייטשלאנד ווייסט נישט פון רבי'ס און פרעגט זיי אויב זיי קענען אים מסביר זיין וואס איז א רבי? די חסידים האבן גוט ארויפגעלייגט וואס א רבי איז, און וואס זענען חסידים, און אים דערציילט וואונדערליכע זאגן פון זייער רבין.

מיין חבר איז געווארן אנציגט פון דעם און געזאגט: ער וויל מיט פארן מיט זיי קיין בעלזא און זיך באקענען מיט זייער רבין. זיי האבן מסכים געווען און זענען געפארן קיין בעלזא. זיי האבן ערליידיגט אז מיין חבר זאל קענען אריינגיין צום רב. דער גבאי האט אים געהייסן צו ווארטן און נאך א צייט ווארטן האט אים דער גבאי געזאגט אז ער קען אריינגיין און ווארטן ביים טיר ביז איינער וואס איז אינעווייניג וועט ענדיגן, און דער רב וועט אים צו רופן, און ער האט אזוי געטאן. ער גייט אריין און ווארט ביז יענער ענדיגט און ווען דער רב האט דערזען מיין חבר איז דער רבי געווארן שטארק דערשראקן און געווארן רויט און איז שנעל אריינגעלאפן אין א אינעווייניגסטן צימער. מיין חבר האט זיך אויך דערשראקן אבער ער האט געווארט און געווארט ביז דער רבי איז צוריק אריין און האט אים איבער געבעטן און געזאגט איך וועל אייך געבן צו פארשטיין וואס איז דא געווען!

מיין הייליגער טאטע הרה"ק ר' יהושע דער פריערדיגער בעלזא רב זצוק"ל האט מיר געגעבן א סימן איך זאל וויסן, אז עס הויבט זיך אן די חבלי משיח ווען א איד פון פרייסין - דייטשלאנד- די לעצטע הויפטשטאט פון פרייסן איז געווען בערלין- וועט קומען צו מיר, און אז איך האב דיר געזען, א איד פון דייטשלאנד איז געקומען צו מיר, האב איך זיך דערמאנט פון וואס מיין טאטע האט מיר געזאגט, און יעצט ווייס איך אז די חבלי משיח האט זיך אנגעהויבן.. דאס האט מיין חבר דערציילט. די צוויי יושבים האבן אים שטארק באדאנקט פאר דעם סיפור. (ספר בארו של יצחק ששמע מכ"ק אדמו"ר ר' יעקב מפשעווארסק זצוק"ל)

לויט די גמ' (סנהדרין צח ע"ב) ווען עס האט זיך אנגעהויבן די חבלי משיח קען משיח קומען יעדע רגע און דער אויבערשטער זאל אונז שוין היינט אויסלייזן און מיר זאגן זוכה זיין צום בנין הבית השלישי בתפארתה אמן.

**די ענטפערס אויף די דריי שווערע רש"ס פון פריערדיגן גליון וועלן מיר בעזה"י שרייבן אין קומענדיגן גליון - א גוט חודש**


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

*שו"ע הרב חסר כרך א' נדפס ע"י בן החידושי הרי"ם נדיר מאד $1500 , אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל,, תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים $20000 , א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי* ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן, מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס ראשון זיטאמיר, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. מחזורים פון בעל קהלת יעקב סטייפלער, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, חידושי תורה מר' צבי הירש ברוידע לא נדפס $3000, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, ועוד ועוד

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת